**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/26/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שענקט 10 מיליאן דאלער דורך ניו יארק'ס רעגיאנעלע סקול פוד אינפראסטראקטור גרענט פראגראם**

***נורט קאנטרי און וועסטערן ניו יארק פראדזשעקטס געשענקט אין רונד איינס; מערערע רונדן פון דעם פראגראם וועלן גרייכן אלע ראיאנען פון ניו יארק סטעיט אין די קומענדיגע יארן***

***דער פראגראם שטעלט צו סך הכל 50 מיליאן דאלער דורכאויס פינף יאר צו העלפן פארבעסערן קיטשענס; פארגרינגערן דאס צוגרייטן פרישע, היימישע מאלצייטן פאר סטודענטן נוצנדיג ניו יארק פארם פראדוקטן***

***עס בויעט זיך אויפן גאווערנער'ס 2024 סטעיט און די סטעיט פריאריטיס צו באקעמפן שפייז אומזיכערהייט און שטארקן לאקאלע שפייז פראדוקציע איבער די סטעיט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמעלדט אז 10 מיליאן דאלער ווערט געשענקט דורך רונד איינס פון ניו יארק'ס רעגיאנעלע סקול פוד אינפראסטראקטור גרענט פראגראם. פראיעקטן אין דעם נורט קאנטרי און אין וועסטערן ניו יארק זענען געשענקט געווארן יעדער 5 מיליאן דאלער צו פארבעסערן דאס שפייז צוגרייטונג און פארטיילונג פאר קינדערגארטן ביז סטודענטן אין גרעיד 12. ערשט געמעלדט אין די גאווערנער'ס 2023 סטעיט און די סטעיט, וועט דער פראגראם צושטעלן 50 מיליאן דאלער אין פארלויף פון פינף יאר צו בארעכטיגטע אפליקאנטן אין אלע צען ראיאנען פון ניו יארק סטעיט צו פארגרינגערן דאס איבערארבעטן און צוגרייטן אויפן פלאץ פרישע, נארהאפטיגע מאלצייטן, נוצן מער געזונטע, לאקאלע ניו יארק שפייז פראדוקטן, און דערמוטיגן די ניו יארק פארמערס.

"אלס גאווערנער, וויל איך מאכן זיכער אז אלע ניו יארקער האבן פרישע, לאקאל-געוואקסן, נארהאפטיגע שפייז צו עסן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די רעגיאנאלע סקול פוד אינפראסטראקטור פראגראם באהאנדלט דירעקט דעם טשעלענדזש דורכן מאכן זיכער אז אונזערע שולעס זענען אויסגעשטאט מיט די מיטלען זיי דארפן כדי צו קאכן פון אנהייב. דאס איז בלויז איין פיינע מוסטער פון ווי מיר פארבינדן די פינטלעך אינערהאלב אונזער שפייז סיסטעם, פארמינערן שפייז אומזיכערהייט און גלייכצייטיג פארמערן מארקעט געלעגנהייטן פאר פארמערס, און פארשטארקן די שפייז סיסטעם אינעם סטעיט."

אין יעדן רונד פון דעם פראגראם, וועלן צוויי ראיאנען געשאנקען ווערן 5 מיליאן דאלער יעדער. נאך צוויי ראיאנען וועלן געשאנקען ווערן 5 מיליאן דאלער יעדער אין נאכפאלגנדע רונדן, ביז אלע ראיאנען וועלן באשאנקען ווערן דורכאויס פינף רונדן. די פראיעקטן געשאנקען אין רונד איינס זענען:

- **באפאלו סיטי סקול דיסטריקט (וועסטערן ניו יארק)** ווערט געשאנקען 5,000,000 דאלער צו העלפן פארזארגן א קאמיסערי וואס וועט צושטעלן נארהאפטיגע שטיצע צו 97 שולעס. די

געלטער פון דעם געשענק וועלן ווערן גענוצט צו אויפשטעלן א גרינס צוגרייטונג און פראסעסינג ארט, אן אינגרידיענט צימער, א פאקונג סיסטעם, און מערערע אינפראסטראקור וואס איז נויטיג צו אויפשטעלן קאנטראקירטע איבערליפערונג פון פראדוקטן וואס זענען צוגעגרייט און געפאקט געווארן נוצנדיג ניו יארק מאטריאלן. דער געשענק וועט אויך שאפן פאראינטערעסירונג פון די קאמיוניטי דורך אן אויספרוביר קיטשען און א שעף בריגאדע וואס וועט אריבערפירן ארטיגע קאך רעצעפטן.

- **טשעמפלעין וועלי עדיוקעישענאל סערוויסעס (קלינטאן-עסעקס-ווארען-וואשינגטאן BOCES) (נורט קאנטרי)** ווערט געשאנקען 5,000,000 דאלער צו שטעלן א צענטראלע פוד האב, צוויי מאדערנע עדיוקעישענאל געביידעס, און באנייטע עקזיסטירנדע שולע קאפיטעריעס אין די נורט קאנטרי ראיאן. דער פראיעקט וועט פאראייניגן שולע שפייז פראסעסינג און צוגרייטונג ביי די נייע שפייז האב, גלייכצייטיג וועט דאס פארמינערן דאס מאנגל אין שטאב פון די שולעס און פארשטארקן די נארהאפטיגקייט און די ארטיגע פאקוס אויף די שפייז געגעבן ביי 16 קאמפאנענט שולע דיסטריקטס און אין CVES BOCES.

אנגעפירט דורך די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו אגריקולטור און מארקעטס, די רעגיאנאלע סקול פוד אינפראסטראקטור גרענט פראגראם שטעלט צו די רעסאורסעס וואס שולעס דארפן צו זאמלען, אוועקלייגן, פראצעסירן, און צוגרייטן פארם פראדוקטן, און ערמעגליכן צו קאכן פרישע, נארהאפטיגע, היימישע מאלצייטן צוגעגרייט פאר שולע קינדער. דער פראגראם דערמוטיגט אויך ארבעטסקראפט דעוועלאפמענט דורכן צושטעלן טרענירונג צו שולעס, קאמיוניטיס, און סטודענטן פאר קולינארי פאכן, שפייז פראסעסינג, זיכערע באהאנדלונג און אוועקלייגן שפייז, לאגיסטיקס, ליפערונג, און נאך, באזירט אויף קאמיוניטי באדערפעניש.

**סטעיט אגריקולטור קאמיסיאנער ריכארד א. באלל האט געזאגט,** "די רעגיאנאלע סקול פוד אינפראסטראקטור פראגראם שטיצט אונזערע פארמער און מאכט זיכער אז אונזערע קינדער האבן גענוג ארטיגע, פרישע מאלצייטן צו זיי דערנערן ווען זיי לערנען. די היינטיגע געשענקטע פראיעקטן זענען פיינע מוסטערן פון ווי מיר קענען מיטארבעטן צו גלאט מאכן און שטארקן אונזער שפייז סיסטעם דא אין ניו יארק סטעיט. איך דאנק גאווערנער האקול פאר איר שטיצן דעם פראגראם און באגריס די באשאנקענע, און איך ווארט אויס צו זען די רעזולטאטן וואס די פראיעקטן וועלן באווירקן אין אונזער וועסטערן ניו יארק און נורט קאנטרי קאמיוניטיס."

**סטעיט עדיוקעישאן קאמיסיאנער דר. בעטי א. רוזא האט געזאגט,** "דאס פארבינדן ארטיגע פארמס צו שולע נארהאפטיגקייט איז א טאפלטע געווינס פאר אונזערע סטודענטן און ניו יארק'ס פארמערס. אנשטענדיגע, פארלעסליכע צוטריט צו נארהאפטיגע מאלצייטן איז דירעקט פארבינדן צו בעסערע אויספירונג פון סטודענטן און דאס אלגעמיינע געזונט און וואויל-זיין. מיר שעצן די אנגייענדע קאאפעראציע פון די גאווערנער און דער דעפארטמענט אוו אגריקולטור און מארקעטס וואס פארזיכערט אלע סטודענטן זאלן האבן צוטריט צו א געזונטע דיעט. דורך די רעגיאנאלע סקול פוד אינפראסטראקטור גרענט פראגראם, וועלן מיר בויען אויף ניו יארק'ס אנגייענדע באמיאונגען צוצושטעלן צוטריט פאר אלע סטודענטן צו געזונטע נארהאפטיגע מאלצייטן וואס ווערן געמאכט מיט פרישע לאקאלע פרוכט, גרינס, און מילכיגע פראדוקטן."

**אסיסטענט סופעראינטענדענט אוו מענעדזשמענט סערוויסעס פאר טשעמפלעין וועלי עדיוקעישענאל סערוויסעס דר. עריק בעלל האט געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט צו באקומען דעם געשענק, וויבאלד עס ערלויבט אונז פריאריטיזירן קינדער נארהאפטיגקייט דורך דאס צושטעלן נארהאפטיגע, לאקאל-געמאכטע מאלצייטן געמאכט פון אנהייב. דער געשענק ערמעגליכט אונז צו

אוועקשטעלן א צענטראליזירטע שפייז האב, וואס אדרעסירט דאס מאנגל פון סטעף און דערהייבט די קוואליטעט פון מאלצייטן פאר די סטודענטן אין ראיאן. צו דערצו, וועלן מיר פארברייטערן טרענירונג אויפן פאך פון קולינאריע אין קלינטאן און עסעקס קאונטי נאכצוקומען די נויטיגקייט פאר ארבעטסקראפט. דער געשענק טרייבט אונז צו פארשאפן געזונטערע קאמיוניטיס, און מיר זענען דאנקבאר פאר דעם געלעגנהייט."

**באפאלו פובליק סקול סופעראינטענדענט דר. טאנזשא מ. וויליאמס האט געזאגט,** "די באפאלו פובליק שולעס שטעלן צו פאר באפאלו סטודענטן און די קאמיוניטי אומזיסטע ארטיג-געוואקסן פרישע שפייז פארשאפנדיג גלייכצייטיג א נייע באשטענדיגע מארקעטפלאץ פאר לאקאלע סאושעל-עקאנאמישע באשרענקטע פארמערס און פלאנצערס. איך אפלאדיר גאווערנער קעטי האקול און די אגריקולטור קאמיסיאנער ריכארד באלל פארן צושטעלן די $5 מיליאן צו העלפן פארמינערן שפייז אומזיכערהייט און צו פארזיכערן אונזערע סטודענט זאלן ווייטער באקומען הויכע-קוואליטעט נארהאפטיגע מאלצייטן וואס פארבעסערן זייער אלגעמיינע געזונט און זייער מעגליכקייטן צו לערנען. ווידער אמאל, די געלטער וועט שטארק ארויסהעלפן מיטן צוצושטעלן אונזערע סטודענטן מיט פרישע און געזונטע שפייז ווען זיי זענען אין שולע."

די רעגיאנאלע סקול פוד אינפראסטראקטור פראגראם בויעט אויף ניו יארק'ס פילע פראגראמען וואס פריאריטיזירן ארטיגע שפייזן אין שולעס, אריינעמיג מיטלען צו העלפן שולע דיסטריקטס באקומען און איינהאנדלען פארם פראדוקטן פון ארטיגע פראדוצירער, מאכנדיג זיכער אז ניו יארק בלייבט ניו יארק'ס ערשטע און בעסטע קאסטומער. די FY 2024 ענעקטעד בודזשעט האט געהייבן דעם איטסוואל ביים קויפן שפייז פאר שולעס צו 150,000 דאלער, א באדייטנדע העכערונג פון די פריערדיגע שטאפל.

צו דערצו, די ערפאלגרייכע [פארם-צו-שולע פראגראם] פארבינדט שולעס מיט לאקאל פארמס און שפייז פראדוצירער צו שטארקן די ארטיגע אגריקולטור, פארבעסערט דאס געזונט פון סטודענטן, און פארשפרייט באקאנטשאפט מיט רעגיאנאלע שפייז סיסטעמס. דורך דעם פראגראם, שטעלט צו דער דעפארטמענט אוו אגריקולטור און מארקעטס פינאנסיעלע, טעכנישע, און רעקלאמירונג הילף צו שולעס, פארמס, איסטיילער, און אנדערע שטיצנדע ארגאניזאציעס צו ברענגען מער ארטיגע, נארהאפטיגע, פארשידנארטיגע סעזאניקע מאלצייטן צו סטודענטן אין ניו יארק.

די [30 פראצענט ניו יארק סטעיט איניציאטיוו] טוט ווייטער אנפירן דאס צושטעלן פון געזונטע ניו יארק-שטאמיגע שפייז פראדוקטן צו קינדער אלס טייל פון זייער לאנטש מאלצייט אין שולע. די איניציאטיוו העכערט די סומע וויפיל סקולס ווערן פארגוטיגט פאר מיטאג מאלצייטן פון 5.9 צענט פער מאלצייט צו 25 צענט פער מאלצייט פאר סיי וועלכע דיסטריקט וואס מאכט זיכער אז זייערע סקול מיטאג מאלצייטן זענען געמאכט כאטש 30 פראצענט בארעכטיגטע ניו יארק-פראדוצירטע און פראצעסירטע פראדוקטן. זינט די דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס האט איבערגענומען די לייצעס פון דעם פראגראם אלס טייל פון גאווערנער האקול'ס צוזאג אין איר 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע אין 2022 כדי צו בעסער פארבינדן פארמס און סקולס אריבער ניו יארק, האט דער פראגראם געזעהן א פארמערטע באטייליגונג דורך סקול עסנווארג אויטאריטעטן, מיט א סך הכל פון 59 סקול עסנווארג אויטאריטעטן באשטעטיגט צו באקומען די העכערע פארגוטיגונג דורכאויס דעם סקול יאר, ארויף פון 51 באשטעטיגטע פאר פארגוטיגונג לעצטע יאר. אין סך הכל איז מער פון 8 מיליאן דאלאר אויסגעגעבן געווארן אויף ניו יארקע אגריקולטורישע פראדוקטן דורכאויס די 2022-2023 סקול יאר דורך סקולס אפלייענדיג פאר די אנרייץ.

ווייטער שטיצנדיג די פראגראמען, [גאווערנער האקול'ס 2024 סטעיט אוו די סטעיט האט אויסגעשטעלט א פלאן פאר ניו יארק'ס אגריקולטורעלע אינדוסטריע] צו ווערן שטארקער, מער עלאסטיש, און פרא-אקטיוו קעגן צוקונפטיגע דראאונגען אויפן געזונט, אומגעגנט, לייבאר, און עדיוקעישאן אינדוסטריעס. די גאווערנער האט אנאנסירט עטליכע גרויסארטיגע פארשלאגן צו געבן א שטופ פאר ניו יארק'ס מילכיגס

און אגריקולטורישע אינדוסטריע, ארבעטסקראפט אנטוויקלונג פראגראמען און יונגווארג פירערשאפט און בילדונג געלעגנהייטן, אריינרעכנענדיג פלענער פאר אינציאטיוון צווישן מערערע פעלדער וואס וועלן פארשטערקערן די אינדוסטריע און שטופן פאר א מער שטאנדהאפטיגע צוקונפט פאר אונזער אגריקולטורישע, עסנווארג און וועלדער סעקטארן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן